ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי

שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## וישלח

**(חלק טו שיחה ג)**

יוצא לאור על ידי מערכת
"אוצר החסידים"
770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת וישלח, יג־יט כסלו, ה'תשפ"ד (א)

Likkutei Sichot

Copyright © 2023
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# וישלח ג

## — י״ט כסלו —

**א. אויפן פסוק[1] „ויותר יעקב לבדו" זיינען פאַראַן עטלעכע פירושים, ומהם:**

**א) די גמרא[2] זאָגט (און עס ווערט אַראָפּגעבראַכט — בשינוי לשון — אין פרש"י על התורה): „נשתייר על פכין קטנים"; און דאָס איז מרומז אין וואָרט „לבדו", ווי רבותינו בעלי התוספות[3] ברענגען אַראָפּ: „אל תקרי לבדו אלא לכדו"[4].**

**ב) אין מדרש[5] שטייט: „מה הקב"ה כתוב בו[6] ונשגב ה' לבדו אף יעקב ויותר יעקב לבדו".**

**ווי פיל מאָל גערעדט[7], האָבן אַלע פירושים אויפן זעלבן פסוק (ומכ"ש — אויפן זעלבן וואָרט) צווישן זיך אַ קשר תוכני. דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די שייכות צווישן די צוויי פירושים בנדו"ד, ואדרבא, לכאורה, זיינען זיי פירושים הפכיים:**

**לויטן פירוש הגמרא איז יעקב'ס אי־בערבלייבן „לבדו" געווען פאַרבונדן מיט „קטנים", מיט זאַכן וואָס האָבן געהאַט גאָר ווייניק חשיבות[8] [און אַזוי ווערט אויך געטייטשט דער** וואָרט **„לבדו" — „אל תיקרי לבדו אלא** לכדו**"]; דאַקעגן לויטן פירוש המדרש איז „ויותר יעקב לבדו" אַן ענין פון תכלית העילוי וה־מעלה[9]; ס'איז ע"ד ווי „ונשגב ה'** לבדו**" פון** הקב"ה **— דער ענין פון אחדות והת־גלות של הקב"ה, ווי עס וועט זיין ערשט לעתיד לבוא — „ביום ההוא" (כההמשך אין פסוק).**

**ב. ס'איז ידוע וואָס דער של"ה שרייבט[10], אַז אַלע מועדי השנה זיינען מרומז אין די פרשיות התורה וואָס ווערן געלייענט אין די זמנים אין וועלכע די מועדים זיינען חל.**

**דערפון איז פאַרשטאַנדיק בנוגע דעם מועד[11] פון י"ט כסלו, וואָס איז חל — בכמה שנים, ווי דעם יאָר — אין (שבת) פ' וישלח[12], אַז דער תוכן פון י"ט כסלו איז מרומז אין פ' וישלח[13].**

**וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים:**

**דאָס וואָס תורת החסידות איז נתגלה געוואָרן דווקא אין די דורות האחרונים (און ניט אין די פריערדיקע דורות, וואָס „ראשונים בני מלאכים כו'"[14]) זיינען**

1) פרשתנו לב, כה.

2) חולין צא, סע"א.

3) וכ"ה בבחיי (בשם „רבותינו ז"ל") ורע"ב עה"פ.

4) וראה עוד טעם בבעה"ת שם: לשון בית הבד כו'. ובהדר זקנים: ממשמעות דלבדו ידענא כו', עיי"ש. וראה מפרשי רש"י כאן.

5) ב"ר פע"ז, א.

6) ישעי' ב, יז.

7) ראה לקו"ש ח"ג ע' 782. ועוד.

8) ובפרט עפ"י פי' הכלי יקר כאן. וראה ג"כ או"ת להה"מ (קיא, א): „יעקב לבדו כו' שכח פחים* קטנים כו' בלי מוחין פחים קטנים היינו כלים קטנים והם המוחין כו'".

*) כן הוא בדפוס שלפני ואולי צ"ל „פכים".

9) להעיר גם מתורת לוי"צ (ע' יא), ד„ויותר יעקב לבדו" שייך ל„הן עם לבדד ישכון".

10) חלק תושב"כ ר"פ וישב.

11) כ"ה לשון אדה"ז — לקו"ד ח"א יט, ב. ובל' כ"ק מו"ח אדמו"ר (במכתב שנעתק בהקדמה להיום יום. בהקדמה לחוברת י"ט כסלו) — „חג החגים" (נתבאר בלקו"ש ח"ה ע' 436 ואילך).

12) וגם כשחל בשבוע דפ' וישב — הרי „מתברך" הוא משבת שלפניו — ש"פ וישלח.

13) ראה גם ס' השיחות תש"ד ע' 50 (וראה לקמן הערה 65). לקו"ש ח"א ע' 70. ועוד.

14) כ"ה בשבת קיב, ב. ירושלמי דמאי פ"א ה"ג („קדמאי בני מלאכים"). ובשקלים רפ"ה וב"ר פ"ס, ח — ליתא תיבת „בני" („קדמאין מלאכין"), וכ"ה

פאַראַן צוויי הסברות:

א) מצד דעם חושך כפול ומכופל וואָס איז נתוסף געוואָרן אין די דורות האחרונים (ובפרט אין דרא דעקבתא דמשיחא), מוז מען אָנקומען צו אַ העכערן אור, וואָס זאָל בייקומען אויך אָט דעם חושך[15];

ב) ע"ד ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל[16] (און עס ווערט אַראָפּגעבראַכט אין מגן אברהם[17] ושו"ע אדה"ז[17*] – בעל הגאולה והשמחה – להלכה), אַז ערב שבת דאַרף מען פאַרזוכן פון די מאכלים פון שבת („טועמי' חיים זכו"[18]), אַזוי איז עס אויך אין די כללות'דיקע „טעג" פון „שית אלפי שנין"[19], אַז אין די לעצטע דורות פאַר ביאת המשיח, דעם „ערב שבת" פון „יום שכולו שבת" – ווערט נמשך אַ הארה (בדרך טעימה עכ"פ) פונעם גילוי פון פנימיות התורה וואָס וועט נתגלה ווערן (בשלימותה) דורך משיח צדקנו[20].

און אויך אין די צוויי הסברות געפינט מען די צוויי קצוות (ע"ד ווי אין „ויותר יעקב לבדו", כנ"ל): לויט דער ערשטער הסברה קומט אויס, אַז דער גילוי אור החסידות אין דורות האחרונים איז מצד זייער נידעריקייט – צוליב דעם גודל החושך אין אָט די דורות פאָדערט זיך לעומתו דער גילוי פונעם אור נעלה פון פנימיות התורה; משא"כ לויט דער צווייטער הסברה, איז דער גילוי החסידות אין די דורות האחרונים פאַרבונדן מיט מעלת הזמן: זייענדיק בבחי' „ערב שבת לאחר חצות" איז שוין דעמאָלט דאָ אַ מעין פון דעם גילוי דלעתיד[21].

ג. דער ביאור אין דעם:

ס'איז ידוע[22] אַז י"ט כסלו האָט אויפגעטאָן די התחלה פון דעם עיקר ד„יפוצו מעינותיך חוצה" – די הפצה פון מעינות החסידות צו אַלע אידן, אויך צו אַזעלכע וואָס געפינען זיך אין „חוצה"[23].

שוין פיל מאָל גערעדט[24] וועגן דעם דיוק הלשון „יפוצו מעינותיך חוצה", אַז דאָס מיינט, אַז די מעינות אַליין דאַרפן קומען אין „חוצה"; ד.ה. ניט נאָר דאַרפן די מעינות האָבן אַ ווירקונג אויפן „חוצה" (בעת זיי אַליין בלייבן במקומם), נאָר אויך זיי אַליין דאַרפן זיך געפינען אין „חוצה"[25].

---

גירסת ר"נ גאון שבת שם. תוד"ה ר"נ שבת יב, ב. ב' הגירסאות הובאו בדק"ס שבת קיב, ב. ובתוס' ד"ה צדיקים, חולין ה, ב: „אם הראשונים כמלאכים כו'" – ולשון זה רגיל בכמה ספרים.

15) קונטרס עה"ח פי"ג. מכ' כ"ק אדמו"ר נ"ע (נדפס בהוספות לקונטרס הנ"ל ע' 82 ואילך).

וראה ג"כ: משל אדה"ז („התמים" ח"ב ע' מט [עב]) מבן מלך שנחלה כו'; הבעש"ט עורר את ישראל מהתעלפותם כו' (כת"י דא"ח ישן (לא נודע למי) – נדפס בסה"מ תרס"ג ע' רנא. וראה לקו"ש ח"ב ע' 516 ואילך). ועוד.

16) פע"ח שי"ח רפ"ג. שעה"כ ענין טבילת ע"ש.

17) או"ח סר"נ סוסק"א.

*17) שם ס"ח.

18) פע"ח שם. שעה"כ שם.

19) ראה רמב"ן בראשית ב, ג.

20) ראה בכ"ז לקו"ש ח"א ע' 59. ועוד (וראה גם לקו"ש ח"ב ע' 467 ואילך).

וראה ג"כ זח"א קיז, א (ושם קיח, א) – נת' בארוכה בשיחת אחש"פ תש"ל (נדפסה בלקו"ש ח"ז ע' 206 ואילך. בהוספות להמשך תרס"ו); לעיל ע' 42 ואילך. ולהעיר ג"כ מאוה"ח פ' צו ו, ב; ממ"ש הרמב"ם באגרת תימן – הובא ונת' בלקו"ש ח"ב ע' 588 ואילך. ועוד.

21) היינו, דלא רק שתורת החסידות („יפוצו מעינותיך חוצה") היא הכנה ל„אתי מר" (אגה"ק הידועה של הבעש"ט – נדפסה בסו"ס בן פורת יוסף. ובכ"מ), כ"א שעכשיו כבר מאיר מהגילוי דלעתיד.

22) תורת שלום ס"ע 112 ואילך.

23) ראה תורת שלום שם (ע' 113).

24) ראה לקו"ש ח"י ע' 106. ועוד.

25) ראה ספר השיחות תש"ד ע' 106.

און נאָכמער: די מעינות דאַרפן זיך געפינען אין חוצה אין אַן אופן פון „יפוצו" – זיך פאַרשפּרייטן אין חוצה, ביז אַז יעדער פּרט און נקודה פון „חוצה" זאָל זיין דורכגענומען דורך די מעינות.

אַזוי ווי אַלע ענינים הויבן זיך אָן פון תורה, איז מובן אַז אויך דער ענין פון „יפוצו מעינותיך חוצה" – די הפצה און גילוי פון פנימיות התורה צו די אידן וועלכע געפינען זיך אין חוצה – הויבט זיך אָן דערמיט וואָס די מעינות פון פנימיות התורה קומען לידי גילוי אין נגלה דתורה, ביז זיי ווערן פאַראייניציקט לאחדים ממש.

אויך פאַר דעם אַלטן רבי'ן זיינען געווען גדולי ישראל וואָס זיינען געווען גרויס איןביידע חלקי התורה, סיי אין נגלה דתורה און סיי אין נסתר דתורה; ופשוט, אַז זייער לימוד נסתר דתורה האָט אויפגעטאָן אַז זייער לימוד פון נגלה דתורה איז געווען באופן אחר – פונדעסטוועגן איז עס ביי זיי געווען אין אַן אופן פון צוויי באַזונדערע חלקים, גליא און סתים.

אין דעם איז באַשטאַנען דער אויפטו פון אַלטן רבי'ן, אַז ער האָט מאחד געווען ביידע חלקי התורה לאחדים ממש[26].

ד. וויבאַלד אַז „ישראל מתקשראן באורייתא"[27], און נאָכמער: „היא חיינו" און ישראל ואורייתא כולא חד – איז מובן, אַז כשם ווי ס'איז דאָ דער ענין פון „יפוצו מעינותיך חוצה" אין תורה – דער איחוד פון סתים וגליא דאורייתא, אַזוי איז עס אויך אין (נשמות) ישראל: דורך גילוי תורת החסידות האָט זיך אויפגעטאָן דער ענין פון „יפוצו מעינותיך חוצה" אין דעם אדם גופא[28] – דער איחוד פון סתים וגליא שבנשמתא[29]:

אמת טאַקע, אַז אויך פאַר דעם גילוי פון תורת החסידות האָט דער אור האמונה (סתים דנשמתא), וואָס איז העכער פון שכל, פועל געווען אויך אויף די כחות הגלויים – אַז אויך די כחות פון שכל ומדות זאָלן זיין באופן אחר – פונדעסטוועגן איז די אמונה אַליין געבליבן סתים און העכער פון שכל (גליא);

דער אַלטער רבי האָט אויפגעטאָן אַז די אמונה וקב"ע שלמעלה מן השכל זאָלן דורכנעמען דעם מענטשן אינגאַנצן, ביז אַז זיי גופא זאָלן אַראָפּקומען און נתאחד ווערן מיט גליא דנשמתא: אין שכל גופא זאָלן זיך אָפּלייגן און דערהערט ווערן די ענינים שלמעלה מן השכל.

ה. כשם ווי ס'איז ביי יעדערן בפרט – אַז חסידות האָט אויפגעטאָן דעם „יפוצו מעינותיך חוצה", דעם איחוד פון „מעין" שבנשמה מיטן „חוצה" שבנשמה – אַזוי איז עס אויך ביי אידן בכלל, וואָס אַלע צוזאַמען זיינען זיי אַ „קומה אחת שלימה"[30]:

די „ראשי אלפי ישראל" וועלכע זיינען „בחי' ראש ומוח"[31] פון אידן, זיינען בבחי' „מעין"; איז אמאָל (פאַר

26) ראה בכ"ז לקו"ש (ח"ו ע' 37. חט"ז ס"ע 38 ואילך. ועוד). וש"נ.

27) ראה זח"ג עג, א. וראה לקו"ת נצבים מו, א. ובכ"מ.

28) ראה עד"ז לקו"ש ח"י ע' 102 ואילך.

29) ראה בארוכה לקו"ש שם בכלליות יותר (ד„מעינותיך" קאי על הנשמה ו„חוצה" על הגוף).

30) לקו"ת ר"פ נצבים. ובכ"מ.

31) תניא פ"ב.

גילוי החסידות) געווען דער סדר, אַז די גדולי ישראל זיינען געווען אָפּגעזונ־דערט אין זייערע ד׳ אמות. אמת טאַקע, אַז זיי האָבן געהאַט אַ השפעה אויף כללות עם ישראל

— צי דורך תורה, וואָס מ׳פלעגט פון זיי לערנען, אָדער דורך אָפּלערנען זיך פון זיי הנהגות טובות וכו׳ —

דאָך זיינען זיי אַליין בכלל געווען אָפּגעשלאָסן פונעם „חוצה"; ס׳איז נאָר וואָס זיי האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף כללות עם ישראל (און אויף פּרטי בנ"י).

דער סדר העבודה פון „יפוצו מעינו־תיך חוצה" האָט אויפגעטאָן, אַז די גדולי ישראל זאָלן ניט זיין אָפּגעשלאָסן אין זייערע ד׳ אמות[32], נאָר זיי אַליין זאָלן אַריינקומען אין „חוצה"; און אין „חוצה" זאָלן זיי זען בעני עמם וואָס „אין עני אלא בדעה"[33] — און ריידן מיטן „עני" אויף דעם לשון און מיט די אותיות וואָס יענער פאַרשטייט.

נאָך מער: וויבאַלד אַז די „מעינות" דאַרפן דערגרייכן יעדער נקודה און פּרט פון דעם „חוצה", איז מובן, אַז דאָס איז כולל אַז די גדולי ישראל גיבן זיך אָפּ אויך מיט די ענינים גשמיים פון עם ישראל.

ו. תורה איז דאָך די נשמה פון דער וועלט, ווי חז"ל[34] זאָגן אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן „בשביל התורה שנקראת ראשית", איז דערפון פאַר־שטאַנדיק, אַז וויבאַלד י"ט כסלו האָט אויפגעטאָן אַ חידוש אין תורה, האָט זיך ממילא אויפגעטאָן בדוגמא לזה אויך אין וועלט.

והביאור: עס איז ידוע, אַז מצד (העלם פון) עולם אַליין קען מען נאָר צוקומען צום אור אלקי וואָס איז מלובש אין וועלט, צום שם אלקים (בגימטריא הטבע) — דורך התבוננות אין עניני העולם כו׳ קען מען צוקומען צו דער ידיעה והכרה אַז יש מנהיג לבירה זו[35]; אָבער ניט צום שם הוי׳ וואָס איז העכער פון וועלט[36].

און הגם אַז ס׳איז דאָ דער גילוי פון שם הוי׳ אין וועלט, דורך די נסים וואָס קומען פאָר מזמן לזמן, פונדעסטוועגן, איז דאָס ניט שייך צו וועלט גופא, ואדרבה: דאָס איז אַן ענין פון שידוד הטבע והעולם.

חסידות האָט אויפגעטאָן, אַז אין וועלט גופא זאָל זיין דער גילוי אלקות וואָס איז העכער פון וועלט; וואָס דער־פאַר איז חסידות מבאר אויך בהסברה פון שכל אנושי — מיט משלים וכו׳ פון עניני העולם[37] — ווי וועלט איז מיוחד מיטן אור אלקי וואָס איז העכער פון וועלט.

ז. וי"ל, אַז דערמיט איז מבואר וואָס דער אַלטער רבי שרייבט אין זיין באַ־וואוסטן בריף[38], אַז די גאולה פון י"ט כסלו איז געווען אין אַן אופן פון

32) ראה ס׳ השיחות ה׳ש"ת (ע׳ 111 ואילך. נעתק בהיום יום ע׳ נו): „אַמאָל איז דער רבי — דער ראש מתיבתא און גאון געווען עלענט און די תלמידים זיינען געווען עלענט. דער דרך החסידות וואָס דער רבי האָט מייסד געווען . . וואָס דער רבי איז ניט עלענט און חסידים זיינען ניט עלענט".

33) נדרים מא, א.

34) פרש"י בראשית א, א. וראה ב"ר פ"א, ד.

35) ראה ב"ר ר"פ לך.

36) וכידוע בענין האמונה דאוה"ע שהיא רק בבחי׳ ממכ"ע — ראה בפרטיות ס׳ הערכים־חב"ד (כרך ב) ערך אוה"ע ס"ב. וש"נ.

37) ראה ד"ה מצה זו תש"ז פ"ב. ובכ"מ. ולהעיר ג"כ מתניא פל"ג: וכמ"ש ג"כ במ"א משל גשמי לזה וכו׳.

38) נדפס בבית רבי ח"א פי"ח אג"ק שלו סל"ח. ס׳ התולדות — אדה"ז ע׳ ריח (בהוצאת תשמ"ו — ח"ג ע׳ 720).

„הפליא ה׳ והגדיל לעשות בארץ״[39]:

אין דעם סדר הנהגה ווי דער אויבער־שטער פירט די וועלט, זיינען פאַראַן צוויי אופנים: א) הנהגה עפ״י טבע, אין וועלכער עס זעט זיך ניט אָן בגלוי דער חיות אלקי, וואָס די הנהגה קומט מצד דעם שם אלקים. ב) השגחה פרטית בגלוי, אַז אין דער הנהגת הטבע איז ניכר דער אור וחיות אלקי און די השגחה פרטית, וואָס די הנהגה נעמט זיך פון שם הוי׳[40].

און אין דער הנהגה פון שם הוי׳ גופא זיינען פאַראַן פאַרשידענע אופנים[40]: א) אין אַן אופן פון, כביכול, „קטנות״ — אַז די השגחה פרטית ווערט דערהערט אין אַ הנהגה בדרכי הטבע; ב) אין אַן אופן פון „גדלות״ (הגדיל וכו׳״) — ווען דאָס ווערט דערהערט און אַנטפּלעקט אין אַ הנהגה וואָס איז העכער פון טבע, ע״ד מחז״ל[41]: דבר גדול מעשה מרכבה.

אָבער אויך „הגדיל״ ווייזט אויף אַ הנהגה וואָס האָט אַן ערך ושייכות צו דער הנהגה פון „קטנות״ — ס׳איז אין דעם זעלבן סוג נאָר גרעסער, אַמאָל — אַ סך גרעסער, אָבער ניט באין ערוך פון הנהגת הטבע. ג) די הנהגה אין אַן אופן פון „הפליא״, וואָס איז מובדל פון הנהגת הטבע[42].

ח. אָט די דריי אופני הנהגה פון שם הוי׳, זיינען די דריי סוגים אין נסים[43]:

א) נסים וואָס זיינען מלובש אין דרכי הטבע, ביז אַז ס׳איז ניט קענטיק אַז ס׳איז אַ נס (ווי דער נס פון פורים); וואָס הגם דאָס איז אַ הנהגה פון שם הוי׳, וויבאַלד עס זעט זיך אין דעם די השגח״פ — איז דאָס אָבער אין אַן אופן פון, כביכול, קטנות כנ״ל.

ב) נסים גלוים, זיי האָבן אָבער אַ שייכות און אחיזה אין טבע; וי״ל אַז ע״ד זה איז אויך כיבוש יריחו דורך יהושע: נאָך דעם נס פון נפילת החומה, אַ נס וואָס איז ניט געווען מלובש אין דרכי הטבע, איז ויעל העם גו׳ ויחרימו גו׳ לפי חרב[44] — אַן אחיזה אין טבע. ובפרטיות יותר — מלחמת מדין: החלצו מאתכם אנשים לצבא גו׳ ויצבאו גו׳ און צוזאַמען דערמיט „ולא נפקד ממנו איש״[45], אַ מלחמה וואָס איז ניט קיין טבע׳דיקע.

[ע״ד הסיפור הידוע, אַז אַמאָל איז צום אַלטן רבי׳ן געקומען אַ חולה, וואָס אַלע דאָקטוירים האָבן פאַר אים ניט געפונען קיין רפואה. האָט דער אַלטער רבי געזאָגט אַז ער זאָל עסן אַ האַלבע שמורה־מצה מיט וואַסער — און ער איז געזונט געוואָרן.

לכאורה איז עס אַ סתירה מיני׳ וביה: עס איז אַן עשי׳ וואָס פועל׳ט בגוף החולה, מחזק הבריאות; אָבער פון דער צווייטער זייט איז, בדרכי הטבע, האָבן שמורה מיט וואַסער קיין שייכות ניט צו רפואה פאַר אַ חולה (וואָס דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט)?

נאָר, כנ״ל: די רפואה איז געווען אַן ענין וואָס איז העכער פון טבע, אָבער אין אַן אופן פון האָבן אַן אחיזה אין טבע].

ג) נסים וואָס האָבן אפילו ניט קיין אחיזה אין טבע, אַזוי ווי דער נצחון נסי

39) בבית רבי שם הגירסא: הפליא והגדיל ה׳ לעשות בארץ כי הגדיל והפליא ה׳ לעשות בארץ כי ה׳ הפליא והגדיל להעשות בארץ.

40) ראה ד״ה צהר תעשה תרע״ג. ועוד.

41) סוכה כח, א. וראה רמב״ם הל׳ יסוה״ת ספ״ד, ד„דבר קטן הוויות דאביי ורבא״ „הם הטובה . . ליישוב העולם הזה כו׳״.

42) ראה שער האמונה פט״ו (כט, ב ואילך).

43) עיין בד״ה ועתה אם נא פ׳ תשא רע״ח, שי״ל שגם בנסים שלמעלה מהטבע יש מדרי׳.

44) יהושע ו, כ־כא.

45) מטות לא, ג־ז. שם, מט.

אינעם אופן ווי חזקי' האָט געזאָגט[46]: „אני ישן על מטתי" און וועט מנצח זיין[47].

ט. דאָס איז אויך דער דיוק הלשון „הפליא ה' והגדיל לעשות בארץ":

דער גילוי אור החסידות פון י"ט כסלו האָט אויפגעטאָן ניט נאָר די הארה פון הוי' (סתם — אין אַן אופן פון, כביכול, „קטנות", בדרכי הטבע), און ניט נאָר דעם ענין פון „הגדיל" וואָס האָט אַ שייכות צו טבע, נאָר אינעם אופן פון „הפליא ה'", וואָס איז לגמרי העכער פון טבע.

לאידך גיסא איז דער אַלטער רבי מסיים „לעשות בארץ" — ווייל די כוונה און תכלית פון תורת החסידות איז צו אַראָפּטראָגן דעם ענין פון „הפליא הוי'" — דעם אור אלקי וואָס האָט ניט קיין שייכות צו טבע — אין ארץ גופא[48].

46) איכ"ר פ"ד, טו.

47) וראה ד"ה ובבואה לפני המלך תרנ"ד: ראיתי בשם א' מהגדולים מי שיש לו צרה גדולה ר"ל צריך לבטוח בה' והיינו שלא יתפלל ע"ז ולא יעשה שום דבר כמו הילוך למקוה וכדומה כ"א לבטוח בה' כו' וי"ל שזהו"ע שתיקה שהוא ביטול גדול (אַשטאַרקער אַוועקלייג).

48) שזהו מה שאדה"ז ממשיך שם במכתבו: „. . נתגדל ונתקדש ברבים ובפרט בעיני כל השרים והעמים . . וענו ואמרו על זאת כי אם מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו כו'" — היינו, שגם אוה"ע הכירו הענין ד„הפליא" ה' כו'". וראה לקו"ש חכ"ה ע' 186 ואילך.

ולהעיר ג"כ מהידוע (בנוגע הגאולה די"ט כסלו) שאדה"ז לא רצה „להמתיק הדינים בהעברת יד על המצח ועל הפנים" (מכ' אדה"ז — נעתק בבית רבי ח"א פכ"א, אג"ק שלו סי' ס, ס' התולדות אדה"ז ע' רנז (בהוצאת תשמ"ו — ח"ד ע' 1021)), כ"א ע"י השתדלות בטבע דוקא* — היינו, דזה שגם אוה"ע יכירו הענין ד„הפליא" כו'" הוא (לא ע"י ביטול מציאותם, כ"א) ע"י התלבשות וכו', וראה לקו"ש שם ע' 198 ואילך.

*) וראה ג"כ רשימת כ"ק מו"ח אדמו"ר — נעתקה בס' התולדות שם ע' רי (בהוצאת תשמ"ו — ח"ד ע' 702) הערה 7.

יוד. ס'איז ידוע[49], אַז דער כח צו מחבר זיין סתים און גליא שבתורה — כאָטש אַז תורה אַליין טיילט זיי אין צוויי באַזונדערע חלקים, און דער חלק פון פנימיות התורה ווערט אָנגערופן סתים (אַז עפ"י תורה איז עס ניט גליא) — נעמט זיך דערפון וואָס דער אַלטער רבי האָט ממשיך געווען „עצם פנימיות התורה"[50]:

די התחלקות צווישן סתים וגליא דתורה איז נאָר מצד דער „התפשטות" פון תורה, וואָס יעדער ענין איז מוגדר אין זיין ציור; אָבער מצד דעם עצם פון תורה („עצם פנימיות התורה") איז ניטאָ קיין התחלקות און הגדרות — דער עצם פון תורה איז די עצמות הן פון סתים און הן פון גליא דתורה, און דעריבער קען מצד דעם ווערן דער חיבור פון סתים וגליא.

מהדוגמאות לדבר בהלכה: אין תורה איז ע"פ דין דאָ פון קלה שבקלות ביז חמורה שבחמורות, און צוזאַמען דערמיט איז אַ פס"ד ברור[50*] „האומר שאין התורה מעם ה' אפילו פסוק אחד אפילו תיבה אחת אם אמר משה אמרו מפי עצמו הרי זה כופר בתורה. וכן הכופר בפרושה והוא תורה שבעל פה" — אָן קיין אונטערשייד וועלכע תיבה אָדער וועלכן פירוש.

יא. עד"ז איז עס אויך ביי אידן[51]

49) ד"ה פדה בשלום תרפ"ה (בשם אביו כ"ק אדמו"ר מוהרש"ב נ"ע — י"ט כסלו עטר"ת). וראה גם לקוטי לוי"צ אגרות ע' רכג. קונטרס ענינה של תורת החסידות הערה 40. לקו"ש חט"ז שבהערה 26.

50) ל' המאמר ד"ה פדה בשלום שם. וראה בארוכה קונטרס ענינה של תורת החסידות, שתורת החסידות ענינה גילוי בחי' יחידה, שהיא עצם דתורה, עיי"ש בארוכה.

50*) רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ח.

51) להעיר ממכ' כ"ק אדמו"ר מוהרש"ב נ"ע

**(כנ"ל סעיף ד־ה, אַז י"ט כסלו האָט אויך אויפגעטאָן דעם איחוד פון סתים וגליא שבנשמתא): דורך גילוי תורת החסידות — וואָס האָט אויפגעטאָן די המשכה פון „עצם פנימיות התורה" — איז נמשך געוואָרן דער** גילוי **פון עצם הנשמה[52], בחי' יחידה; און דעריבער האָט עס אויפגעטאָן דעם חיבור פון סתים וגליא שבנשמתא —**

**ובעבודה: די אמונה וקב"ע זאָלן דורכ־נעמען די כחות הפנימיים פונעם אדם — ווייל דער גילוי פון עצם הנשמה איז דער גילוי העצם אויך פון** אַלע **(ובמילא נעמט עס דורך אַלע) כחות האדם[53].**

**[און אַזוי אויך בנוגע כללות ישראל: דאָס וואָס י"ט כסלו האָט געגעבן דעם כח אַז „ראשי אלפי ישראל" זאָלן שטיין בגלוי בקירוב און נאָכמער — בהתאחדות מיט אַלע אידן, איז עס דערפאַר ווייל דעמאָלט איז נמשך געוואָרן דער גילוי פון בחי' יחידה הכללית פון כללות ישראל, וואָס מצד דעם איז דער קישור וחיבור פון דער „קומה אחת שלימה" פון אידן ביז אין אַן אופן פון „יחיד"[54]][55].**

**און בדוגמא לזה איז עס אויך אין וועלט[56] (כנ"ל סעיף ו'): מצד אורות וגילויים קען ניט זיין** בגלוי **דער חיבור פון וועלט מיטן אור אלקי שלמעלה מן העולמות, וואָרום וויבאַלד ער איז מוגדר אין גדר האור והגילוי, קען ער ניט** נתגלה **ווערן אין עולם (עולם מל' העלם); דוקא מצד עצמותו ית'[51], וואָס ער איז אמיתית המציאות און איז נושא הכל, קען זיין די מציאות פון אַ יש און דאָך זאָל דער יש גופא זיין מיוחד מיטן אוי־בערשטן בתכלית היחוד[57].**

**יב. דער אויפטו פון „יפוצו מעינותיך חוצה" — אַז דער עצם („מעין") זאָל נתאחד ווערן מיטן „חוצה" — דריקט זיך אויס דוקא ווען די מעינות קומען אָן אין אַזאַ חוצה וואָס איז (בל' כ"ק מו"ח אדמו"ר[58]) „ניט אין דעם מקום המוכשר":**

**דאָס וואָס די מעינות קענען אַדורכנע־מען אויך אַזאַ „חוצה", וואָס איז מצ"ע** ניט **קיין כלי און אפילו ניט קיין „מקום המוכשר" צו די מעינות[59] — איז עס נאָר צוליבן גילוי** העצם **פון די**

(נדפס בקונטרס ומעין ע' 17. היום יום ע' ד'. אג"ק שלו ח"א ע' רסא־ב): **„להמשיך בחי'** עומק ופנימיות **תורה ה' ומצות ה' מבחי'** פנימיות ועצמות **אוא"ס ב"ה שיאיר** בפנימיות **נפשנו וכו'". וראה לקמן הערה 56.**

52) ראה ס' השיחות תש"ג (ע' 59. ובהנסמן שם), ד„ספר התניא תושב"כ של תורת חסידות חב"ד . . תניא שהוא אותי' איתן יעורר את האיתן שבנשמה".

53) ראה לקו"ש ח"ח ע' 131 ואילך (בענין „חקיקה מעבר לעבר"). ושם ע' 5.

54) ראה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר (אג"ק שלו ח"ד ע' רצט) בשם אביו כ"ק אדמו"ר נ"ע, דהתקשרות רבי וחסיד היא למעלה משש הענינים — אב ובן, עצם והתפשטות, מאור ואור, היולי וגילוי, עילה ועלול, אין ויש — וכוללת אותם. וראה גם לקו"ד ח"א נ, א. ס' השיחות ה'ש"ת ע' 89.

55) וזהו ג"כ הטעם מה שא' יסודות החסידות הוא הענין דאהבת ישראל (ראה ס' הערכים־חב"ד (כרך א') בערכו ס"ט. וש"נ) — כי אמיתיות האחדות של כל ישראל נתגלה ע"י תורת החסידות.

56) עפ"י המבואר בפנים יומתק ג"כ מה ש„יפוצו מעינותיך חוצה" הוא הכנה ל„אתי מר" (נסמן לעיל הערה 21) — כי בביאת המשיח תושלם כוונת הבריאה דלהיות לו יתי' דירה בתחתונים, ד**דירה** היינו **לעצמותו** ית' (המשך תרס"ו בתחילתו (ס"ע ג) ובכ"מ).

ועפ"י הידוע דעשיית הדירה היא ע"י נש"י ותורה (סד"ה יו"ט של ר"ה תרס"ו (ע' ח). ובכ"מ) — יומתק המבואר בפנים השיחה, שהענין ד„יפוצו מעינותיך חוצה" (המשכת העצם בחוצה) שנתחדש בי"ט כסלו, הוא הן בתורה והן בנש"י.

57) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1335 ובהערה 7 שם. וראה גם אוה"ת אחרי (כרך ב') ע' תקסד־ה.

58) שיחת שמח"ת תר"ץ (לקו"ד ח"ב שיא, ב).

59) ראה שיחת שמח"ת שם (שכח, א ואילך): באַ אַזעלכע וואָס . . זיינען . . פאַרשטויסן געוואָרן אין

**מעינות[60], וואָס זייענדיק דער „עצם" פון אלקות און אמיתית המציאות, איז ער דער עצם ואמיתית המציאות פון** אַלע **נבראים, און דעריבער נעמט עס דורך אויך אָט דעם „חוצה" וואָס (מצ"ע) איז ער ניט קיין „מקום המוכשר".**

**און דאָס איז דער קשר צווישן די צוויי הסברות אויף גילוי תורת החסידות אין דורות האחרונים [(א) מצד דעם גודל החושך פון די דורות, (ב) ס'איז אַ „טעימה" פון די גילויים דלעתיד]:**

**דער גילוי פון „**עצם **פנימיות התורה" דריקט זיך אויס אין דעם וואָס עס קען באַלייכטן אויך דעם חושך פון דורות האחרונים, ביז מהפך זיין אויך אָט דעם חושך לאור;**

**און דערמיט גופא איז מובן פאַרוואָס די „טעימה" פון תורתו של משיח (אין „ערב שבת לאחרי חצות") איז פאַרבונדן דוקא מיטן זמן ווען ס'ווערט גרעסער דער חושך הגלות, ביז צו חושך כפול ומכופל פון דרא דעקבתא דמשיחא — ווייל דווקא אין דעם[61] דריקט זיך אויס דער כח עצמי (בדרך טעימה) פון תורתו של משיח („עצם פנימיות התורה"), צו דורכלייכטן דעם גרעסטן חושך[62], ביז אַז החושך עצמו יאיר, „ולילה כיום יאיר".**

**יג. עפ"י כל הנ"ל איז אויך מובן דער קשר צווישן די צוויי פירושים אין „ויותר יעקב לבדו"** [**(א)** „לבדו", **(ב) ע"ד „ונשגב ה' לבדו"**]:

**דווקא אין דעם בירור פון די „פכין קטנים" — די בירורים היותר קטנים ותח־תונים[63], תכלית החושך והעלם והסתר[64] — איז ניכר ונרגש דער תוכן ונקודת הענין פון „ונשגב ה'** לבדו**" — אמיתית „אחדותו של הקב"ה . . שהוא לבדו הוא" שמצד עצמותו ית'[65] — אַז די מציאות היש איז ניט קיין סתירה צו אחדותו של הקב"ה, וואָרום מצד עצמותו ית' איז די עצמות המציאות פון „יש הנברא" — דער „יש האמיתי"[66].**

(משיחות ש"פ וישלח תשכ"ז,
י"ט כסלו תשי"א, תשכ"ה)

---

חוצה . . עס רעדט זיך ניט וועגן חסידות . . עס רעדט זיך מכח טהרת המשפחה, הנחת תפלין, שמירת שבת, מאכלות כשרות .. און דאָס זאָגט משיח אַז אין דעם חוצה איז פאַראַן מעינותיך .. די גרויסע ירושה .. די פינטעלע פון דעם והאמונה . ."

60) ראה ג"כ לקו"ש חט"ז ע' 38 ובהנסמן שם.

61) וראה מכתב כ"ק אדמו"ר נ"ע (הנסמן לעיל הערה 15) שזהו ע"ד ריבוי תורה שנתוסף בלוחות שניות, ש„דוקא מפני שירדו במדריגתן ע"כ צריכים לריבוי תורה ששרשה במדרגה גבוה יותר". והיינו, שהגילוי ד„ריבוי תורה" היא דוקא במצב ד„ירדו במדריגתן כו'".

62) להעיר מפלח הרימון פרשתנו (צד, ד): עלות השחר שהיא גאולה העתידה שנמשל לשחר שהוא אור הבוקע מתכלית החושך כו'.

63) וזהו ג"כ מה שממשיך בגמ' (חולין שם): „(שנשתייר על פכין קטנים) מכאן לצדיקים שחביב עליהם ממונם יותר מגופם" — והיינו, כי בממונן של ישראל ישנן „ניצוצין קדושים השייכים לשרש נשמתו" (כתר שם טוב סי' ריח. או"ת להה"מ קא, ד); ולכן „חביב עליהם ממונם יותר מגופם", מצד המעלה שבבירורים הכי תחתונים — „ממונם" (חלקם בעולם) שלמטה „מגופם".

64) ראה מאו"א אות פ' ס"נ (הובא באוה"ת פרשתנו רמה, א): „פכים קטנים ניצוצי מלכי' דמיתו". וראה הערה הבאה.

65) ראה תו"ח סוף פרשתנו (נו, ד): „וזהו ויותר יעקב לבדו כמו שהוא בשרשו בעצמות **אא"ס** . . ע"כ ביכולתו לברר ולהפך חשוכא לנהורא כו'".

ועפ"י המבואר שם, ד„פכים קטנים . . הן כלים דתהו שנפלו למטה כו'", והכח לברים הוא מצד „ויותר יעקב לבדו", „מצד שרשו בעצמות ממש" — מובן ג"כ הקשר בין המבואר בפנים (דהגילוי די"ט כסלו הוא ע"ד הענין ד„ויותר יעקב לבדו") להמבואר בשיחת י"ט כסלו תש"ד (הנסמן לעיל הערה 13): אין פרשת וישלח האָט דאָס (י"ט כסלו) אַ שייכות צום פסוק ואלה המלכים אשר מלכו וגו', ווייל י"ט כסלו איז אַ תיקון צו שבירת הכלים דתהו.

66) ביאוה"ז (לאדהאמ"צ) מג, ג. ד"ה ולקחתם לכם תרס"א. ועוד.